STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08905

# LIDER

H. L. Saymon

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ח. ל. סימאן

# לידער

Copyright
By H. L. SIMON
Chicago, Ill., 1934

# לידער

ח. ל. סיימאן

VERLAG CESHENSKY
2720 W. Division St.
Chicago, Ill.

Printed in U. S. A.
SPIEGEL PUBLISHING CO.
2469 W. Lisbon Avenue
Milwaukee, Wis.
53

# אין שטילן אומרו

אילוסטרירט
— פון —
טאָדרעס געלער

פארלאג מ. צעשינסקי
שיקאגע

TODROS GELLER. 37

# ערגעץ וואַרט אַ ברעג

שניידט אַ שיף דורך טיפע ים׳ען,
ערגעץ וואַרט אַ ברעג...
קומט זי איבער גרויס סכנות
אויף איר ווייטן וועג.

כוואַליעס צעשניטענע באַזיגטע
טרעפלען ווייט אַוועק,
און מיט רוגזה לויפן זיי
זיך שלאָגן מיט דעם ברעג.

נאָר דער ברעג, ער ליגט שטום
מיט דעם רוקן איינגעשפּאַרט.
ערגעץ גייט אַ שיף און סאַפּעט:
וואַרט דער ברעג באַ׳ם ים און וואַרט.

## נאכט געוועב

דרימלט אומעטיק ווײַט־לאַנד,
חושך וועבט אַ נעץ דאָרט וואו...
ערגעץ וועקט אַ פויגל־טרעל
דורך דער בין־השמשות־רו.

קיינער ענטפערט ערגעץ אָפּ.
וואַלד האָט איינגעהילט דעם קאָפּ.
צינדט אַ פייערל זיך וואו:
דעקט געדיכטע נאַכט דאָס צו.

---

עמיץ ווייט אין טיפער נאַכט
האָט אַ באַגינען אויסגעטראַכט...
שטעקט דער בוים אַרויס דעם קאָפּ:
דעקט דער מאָרגן פעלדער אָפּ.

## שטילער אומרו

שטילער אומרו אין די פעלדער:
אָנזאָג פון באַגינען...
אין באַהאַלטעניש פאַרבאָרגן —
הוזשען, זשומען בינען...

זשומען, רופן זיך צוזאַמען,
איבער פעלדער — טענה׳ן,
ביז די זאַנגען, שטאָלצע, בויגן
זיך ווי אונטערטאַנען...

וואַרטן זיי, די קעפּ געבויגן
ביז די זון גייט אונטער...
הויבן זיי די זאַנגען־גריוועס
ווידער שטאָלץ און מונטער...

זשומענדיקער בינען־אומרו
טענה׳ס — ווייט פאַרבאָרגן.
זשומען, זינגען, זאַמלען האָניק
פאַר אַ בינען־מאָרגן...

# באגינען

דער הימל האָט מיט אויגן געגלימערט
אויף דער שוואַרצער וועלט אַראָפּ.
ווייט אין נאַכט אַוועק האָט עפּעס געציטערט,
געדויערט און געוואַרט.
אַ שטערנדל אַ רויטס האָט פון העלער הויט אַ וואוּנק געטאָן
האָבן שעפּסן סטאַדעס, וואָלקן זיך צעלאָזן —
שטערנדלעך צעווישט און אָפּגעמעקט..
צווישן ערד און הימל איז געוואָרן רויִק און פאַרטראַכט,
ווי תמ׳עוואַטע טונקלקייט און געמיש פון טאָג מיט נאַכט,
ביז ערגעץ באַ אַ ברעג האָט עפּעס זיך געגליט,
— לאַנגזאַם זיך געצונדן:
און צינדנדיק זיך פלאַמיק אין אַ גאָלדיק ראַנד צעברענט;
האָט דער טוי זיך אויפגעפּערלט, האָריזאָנטן אויפגעפלאַמט
און צעשפּיזלט פייער צונגען — אויפן הימל זיי צעקאַמט.
— האָבן שאָטנס צעשראָקן זיך ערגעץ וואו פאַררוקט:
ווען ס׳האָט אַ פרישע אויסגעשלאָפענע די זון אַרויסגעקוקט,
שפּיזלענדיק פעלד און וואַלד, באַרג און לאַנד.

## ערשטער שניי

— איבער נאַכט די ערד באַשנייט,
ווייס און פּוכיק, ברייט און ווייט
האָט געראַסטעט זיך די צייט.
באַרג אַרויף אַ וואָגן שטייט,
אַרום וואָגן עמיץ גייט,
און אַ שפּרינקעלע אין רוים
שווימט דורך ווייסער וועלט
צו אַ קוימען גרייכט...

טיר און טויער אויפגעפּראַלט,
און פון קוימענס קרויזן רויך,
פויגל-פלאַטער אין דער הויך,
קינד און קייט, יונג און אַלט
גריסן זיך: „אַי, ס'איז קאַלט".
און אין ווייס צעפּוכטן שניי:
טריט — זינזאָגן ערשטן וועג,
וואו זיי דאַרפן טרעפן זיי.

אָפּגעגענעצט האָט דער טאָג.
זון — אַוועק מיט צונטער-רויט.
פורל — האָט דאָרט ווייט באַגלייט
ערשטן טאָג פון ווינטער טעג,
לאָזנדיק אַ צייכן אָפן וועג.
— שפּרינגען שטערן וואו ניט וואו,
שליסט מען טיר און טויער צו,
ווידער שלאָפן, ווידער רו.

# מעלאנכאליע

אין שארע פארנאכטן פארטראכטע,
עס קומען אן שאטנס באזאכטע—
און וויקלען אלץ איין אין א שלומער—
און איך ווער פארקלעמט מער אין קומער
פון האפנונגען מאדנע, געדאכטע.

עס פאלן די בלעטער און פאלן—
סמנים פון ווינטער סיגנאלן.
א בעלמע האט הימל פארצויגן;
די פויגל שוין ערגעץ צעפלויגן.
עס פאלן שוין בלאסלאכע שטראלן.

עס יאגן זיך וואלקנס און יאגן —
פון מערב-זייט ווינטן זיך טראגן.
א יום-טוב איז ערגעץ פארגאנגען...
אין בייגקשאפט די הערצער געפאנגען.
אויך מיין הארץ — עס האלט אין איין נאגן..

# היינגען שלעסער

צער האָט לאַנג זיך דאָ פאַרקליבן,
פון די פענצטער שטראַל פאַרטריבן.
שלאָפט דער אומעט אין די אויגן,
גייט דער טרויער אײַנגעבויגן.

אין די טירן קלאַפּט די פרייד,
היילן, טרייסטן גוטע רייד,
ווײַל אַ פרײַנט אַ גאַסט אונז זײַן —
לאָזט דעם גאַסט אין הויז אַרײַן.

היינגען שלעסער אויף די טירן,
דאַרף עמיץ די שליסלעך פאַרלירן:
וועט די פרייד אין הויז אַרײַן,
וועט אונז פריילעך זײַן.

# אין וועג

„וואו דאַרף אַ איד, וואו גייט אַ איד?
דער וועג איז לאַנג, דער וועג איז ווייט".
העט — וואוינען פרעמדע, בלינדע לייט,
אין הייזער איינגעטיפט אין גרונט.
בײַ יעדער טויער ליגט אַ הונט.

נאַכט קומט אָן, ניטאָ קיין צייט,
אַ גוטע נאַכט אייך, גוטע לייט.
אַ הויז, אַ הונט דאָרט ערגעץ ווייט:
לאָזט ניט הונט אין הויז אַריין,
ווײַל איך דאָרטן הײַנט נאָך זײַן.

11

# הינטער גראטעס

# הינטער גראַטעס

שטיינער, גראַטעס, שטיל און לער,
פּרעמדע פּוס־טריט הין און הער,
ברויט מיט וואַסער אויפן דיל.
ערגעץ וואו אַ פריינט אַ טרייער
וועט שוין אַנצינדן אַ פייער...
וועט שוין מער ניט בלייבן שטיל...

פינגער־צייכנס אַף דער וואַנט.
קליפּ־קלאַפּ, קליפּ־קלאַפּ קלאַפּט זיין האַנט.
ערגעץ קלאַפּן, דרינגען העק...
— שנעלער, שנעלער, פריינט געטרייער!
פלאַקער אויף מיט פאַקעל־פייער,
אַלין זאָל מיטן פלאַם אַוועק!

# פון דער פינצטער

שפּיצט די שפּיזן, שאַרפט די שווערדן —
פרידן איז נאָך ווייט.
העי, קאַנאָנען,באַריקאַדן,
איצט איז אייער צייט!...

פון דער פינצטער בליצט מיט פייער:
שפּאַנט גיגאַנט מיט רויש:
נענטער ווערט אַ דור אַ נייער —
וועלט געשטעלט צום טויש.

איר וועט פאַלן, קאַפּיטאַנען —
שפּילט אין שווערד־נעפּעכט;
פאַקלען צינדן אונטערטאַנען:
אַלט — צעפאַלט, צעברעכט!

פון דער תהו — פויסט און פייער,
האַמער, קלאַמער, בליץ;
קומט היינט אָן אַ מאָרגן נייער, —
קעמפער, וועלט באַזיץ!

# וויים דו מענטש

בתי־גזית בניתם ולא תשבו בם (עמוס קאפ. ה׳)

וויים דו מענטש:
סע קומט דער נייער דור צו צינדן ליכט אויף אַלע ווענן,
דעם הונגעריקן טראָגן ברויט מיט זאַלץ אַנטקעגן.
ס׳וועט די האַנט וואָס זייט און אַ נדבה בעט
די שליסלען האָבן צו די שייערן מיט זעט:
וואָס טוכלען איצטער הינטער טויזנט שלעסער.
און די זעלבע האַנט וועט צינדן דרייצן צימערן,
וואו איינער וואוינט אין זעכצן.
דער בעטלער וועט דעם מאַנטל פון אַ נביא טראָגן,
וועט ער גאָט׳ס וואָרט דאַן זאָגן.

וויים! דו פיראַטן־מענטש:
עס גייט דאָס לעצטע מאָל דיין אַלטע שיף.
אָפן איז די מויל צו אַלע גרונטן —
שווימען וועט איר, פיראַטן,
אָן הענט, אָן פיס, ווי זאַנגען נאָכן שניט
אין אַ מבול־רעגן:
ווייל איר שמידט פון אָקער אוים אַ שפּיז,
און פון דער קאָסע ווערט אַ שווערד:
דערפאַר: וועט אייך אויסשפּייען דער ים,
און סע וועט ניט נעמען אייך די ערד.

ס'וועט קומען דער וואָס אָטעמט איצט
אין מוטערס טראַכט —
צעשטערטער וועלט באַנייען.
ס'וועט פלאַקערן אַ יושר-קאַמף:
גייער דור וועט צאַפּלען זיך פאַר נייע אמת'ן,
און קעמפן ביז צום זיג פאַר זיין גאָט.
און דו, אַנ'עדות פון דיין אייגענעם באַנקראָט,
וועסט קוקן מיט פאַרגלאָזטע אויגן
ווי סע גייט אויף אַ נייער טאָג,
און סע געבערט אַ נייע וועלט.
— סע וועלן דיינע פינגער קריכן
אין דיינע אויגן-לעכער.
דיין ראיה וועט דיר פינצטער ווערן,
ווען סע וועלן זיך שלעסער עפענען,
טויערן צעפראַלן.
נייע וועלט וועט אויפגיין,
און אַלטע וועלט צעפאַלן.

וויים דו, פיראַטן-מענטש:
שוואַרץ וועט זיין דיין לעצטער טאָג,
רויט וועט זיין די שוואַרצע נאַכט,
און אויף די בערג פון ארדט
וועט צאַפּלען זיך אַ ווייסע טויב...
און אויסגיין וועט אַ שוואַרצע ראָב.
— נאָר די שטילקייט וועט עדות זאָגן
אויף דיין זינד און אויף דיין שטראָף.

## ברויט

שלייערט זיך די נאַכט אין טונקעלע שלייערן,
הויערט און דויערט אַ בלינדע פינצטערקייט.
היטן הינט אין נאָרע הינטער פלויט. .
און מענשן שלינגען רוהיק זייער גליק
הינטער גאַרדינען שטום און טויב...

נאָר עמיצער —
שלייכט זיך נעבן טיר און טויערן,
און קען ניט פון געדיכטער נאַכט אַרויס.
זוכט דער עמיצער אַ שטיין,
אַ בראָזג צו טאָן אין אַ מאַטער שויב:
זאָל ווער דערשראָקן אויפשפרינגען פון וואַרעם בעט,
ווי ער איז אויפגעשפרונגען ווילדערהייט,
ווען ס׳האָט זיין קינד פון שלאָף געבעטן ברויט...
זאָל ווער אַרויסשטעקן דעם קאָפּ און זען,
ווי סע בלאָנקט אַ מענטש אַרום די ווענט
אין דער טיפער נאַכט,
אין דער שפּעטער שעה.

אפשר . . .
זאָל ער אָנצינדן וואו אַ הויז ?
זאָלן פייערן צערן זייערע ווענט:
וועט אַ טומל אויפוועקן די שטאָט,
זאָלן מענטשן לויפן אין דער גאַס אַרויס .
זאָל איצט דאָ שטיין אַ באַלעבאָס אין הוילן העמד
און ברעכן מיט די הענט —
„וויי, עס ווערט מיין הויז פאַרברענט ! „
— זאָל אַ פייער־צונג זיך הויבן פון דער ערד
אין טיפער נאַכט אַריין —
זאָל דאָ ליכטיג זיין ! . . .

סע האָט דער מענטש אין דרויסן נאָר אַזוי געטראַכט.
ערגעץ הויך אַ שטערן האָט געוואַכט—געלאַכט,
און נאַכט האָט זיך פאַרטיפט אין נאַכט .
רויך און פלאַם איז געבליבן גליען אינ׳ם טראַכט:
קיינער האָט ניט טיר און פענצטער אויפגעמאַכט.
נאָר ערגעץ בלינדע הענט האָבן אונטער צודעקן
אויפגעזוכט דאָס ווייב . . .
און זאַטערהייט פאַרשלאָפענע
ווידער זיך געזעטיגט מיט דער פּוכקער לייב . . .

נאָר דער, אין דרויסן ווערט אומרואיק
צו בלאנקען היין און הער.
ער קען ניט מער...
פייער פליגן זיינע אויגן, זוכן...
אפשר איז אַ טיר נאָך וואו געבליבן אָפן?..
ס'איז זיין קינד הונגעריק געפאַלן שלאָפן:
חלומ'ט זיך אים ברויט!...

וועט ער אַריינשאַרן זיך אין אַ פרעמדער הויז...
נעמען עפּעס פון פאַרגרייטן זעט,
און שטילער נאָך צוריק אַרויס...

נאָר.. יעדער טיר איז שטום—פאַרמאַכט.

וועט ער אויפכראַסטן זיין העמד,
אַנטבלויזן דאָ זיין האַרץ,
רייסן זיך די האָר פון קאָפּ, —
פאַר זיך אַליין — דערשרעקן זיך...
און אויסשרייען אין ווילד געשריי —
„אַ וויסטער חלום זאָל אייך שטיקן הינטער
טויזנט שלעסער!!..
...עס גוסס'ט דאָ אַ מענטש לעבן אייער שוועל,
שטייט אויף!!!"
נאָר ווער וועט אויפכאַפּן זיך אַזוי שפּעט,
ווער וועט פאַרלאָזן איצט זיין וואַרעם בעט
צו זען דעם וואָס שאַרט זיך באַ די ווענט..
ווען דאָס האַרץ באַ'ם מענטשן ברענט.

זעט דער מענטש:
פון בעקערס הויז טראָגט מען הייסן ברויט אַרויס.
ווער קען ציילן זייער צאָל אין טיפער נאַכט?
ליגן אוצרות-זעט אין וואָגן אויפגעדעקט...
רופט פרישער ברויט גערוך...
ווינקט ברוינער גלאַנץ...
דוכט זיך קיינער וועט ניט זען,
אַז נאָך אַ ברויט איז דאָ געוועזן.

פלוצים...

האָט מען אויסגעשריען: — שטיי!
און פון דער פינצטער בליציק האָט גענומען קנאַלן...
איז אַ מענטש געפאַלן...
האָט עמיצער פון זיסן שלאָף זיך אויפגעכאַפּט,
געפוילט זיך פון זיין בעט אַראָפּצוגיין;
נאָר אונטערן צודעק זיך מערער איינגעהילט,
געמורמלט בייז צו זיך אַליין.

און ווען די זון האָט אירע גאָלד-פליגל צעהעלט
און איינגעשלונגען טיפע נאַכט,
האָבן מענשן-שטראָמען געווירבלט
פון די טירן צו דער גאַס...
געאײלט מיט שנעלע טריט. .
זיך ניט געהיט פון פלעקן רויט...
און אַז עמיץ פעלט, ווער מען האָט עס דאָ געהאַרט...

נאָר ערגעץ האָט זיין קינד געוואַרט
די גאַנצע נאַכט...
ער האָט גאַרניט געוואוסט דערפון.
נאָר אַ צו-נאָמען איז אים געבליבן:
.. „גנב'ס זון", „גנב'ס זון".

# קעמף

קעמף! אין קעמפן שטיל דיין פיין.
אונזער בלוט איז ריין ווי וויין:
זאָל אונזער גאַל — רפואה זיין...

זיג און פרייד — דורך בלוט און גאַל,
הילך דיין רוף צום איבעראַל!
„אַלטע וועלט האַלט באַ'ם צעפאַל!"

וועלט איז אונטער חלף־גלאַנץ:
רעאַקציע טאַנצט איר לעצטן טאַנץ,
שנייד דער וועלט אַ רויטן קראַנץ...

קעמף! אין קעמפן שטיל דיין פיין.
אונזער בלוט איז ריין ווי וויין:
זאָל אונזער גאַל — רפואה זיין...

# 111

# מיראזשן

# לעגענדע

(מבשרי אחזה אלוה)

גרוים דאָס ליד פון אונזער וועלט,—
אָן אָנפאַנג און אָן ענדע;
דעם באַשעפער ניט געפעלט
דער ריטם פון זיין לעגענדע.

האָט דעם שעפער זיך פאַרוועלט
אַ קלאַנג דאָ צו דערגראַמען;
האָט ער געשיקט אונז אַף דער וועלט,—
— אַ קלאַנג זיך צו פאַרזאַמען.

שאַפט דער שעפער, גראַמט און מעקט,
זיין לעגענדע — ניט דערזונגען.
איז דער שעפער אויפגערעגט,—
אים איז נאָך ניט געלונגען.

זיין פעדער האָט אַ וואָרט געקריצט,
בלוט האָט זיך פאַרגאָסן.
ווערן מיר דאָ אויפגעבליצט,
ווערן מיר פאַרלאָשן...

# א שליסל

ליגט אַ שליסל וואו באַהאַלטן.
זוכן, שימערן געשטאַלטן:
— דורות זשומען ווי די בינען,
יענעם שליסל צו געפינען...

הייגגען גרויע, בלויע הימלען;
פון קדמונים — ספערן דרימלען...
ערגעץ — טראַכט אַ שכל: צייט וועט וואַרטן,
זאָל דער מענטש אליין געפינען...

זוכן, שימערן געשטאַלטן, —
אָט געווען און אָט באַהאַלטן.
ליגט אַ יאָדרע אין אַ ניסל...
אין דער וועלט וואו ליגט אַ שליסל...

# געסט

## 1

מיר קומען, נאָר שימערן — געשטאַלטן:
ערגעץ, ערגעץ בלייבן מיר נאָך פאַרהאַלטן...
פון נעכטנס — מיר קלייבן זיך דאָ איבער
אויפצוגיין אין פלאַמען,
אויסצוגיין — הינטער צאַמען.
פון ערד — איז אונזער טראָט געפאַנגען,
פון רוימען — זיינען מיר אַהער דערגאַנגען,
טרעטן מיר פאַרחלומ׳טע,
וועבן מיר דאָ יענעם הימל..
בייִנקענדיק צוריק
צום אייביקן דרימל.

מיר גריסן זיך אויף שוועלן,
אויגן - בליצן — דערקענען זיך.
ערגעץ —
הינטער אונזעבאַרע צאַמען
האָבן מיר געשפּירט צוזאַמען,
האָבן מיר געפילט ווי דער באַשאַפער
האָט פון אומדערשעפטן חלל
וועלט גענומען שפּינען
— מאָנט און רעגט אונזער זינען,
נישטערן מיר אין זיין באַשאַף,
זיך — איינגאַנצן צו געפינען.

## 11

מ י ר — עגבערן תהום'ען...
מ י ר — שפיזן רוימען..
קאָנקריט און שטאָל — רעלסן צו הימלען!
מ י ר ו ו י ל ן — הימלען צערייסן!
צעהיינגען אויף טורעם-שפּיצן..
און פון דיין פאַרבאָרגנקייט
אַרויסרופן דיך,
אַ גאָט! —
קלעטערן מיר, שטייגן מיר
ה ע כ ע ר, ה ע כ ע ר!
איבער טורעם-שפיזן אונזער נייגער..
ה י מ ל ע ן צ ע ר י י ס ן!
.... אַלץ טיפער אין דעם שלייער ווערסטו איינגעהילט
אַ, גאָט.

ווער זיינען מיר, צו פרעגן דיך
דעם זין פון דיינע וועגן?
האָסט אונז אַ חוש געגעבן:
טרעפן מיר נאָר ביז דיין שוועל..
הייגגען שלעסער ריזיקע,
און ריגלען, זיגלען
אַף די טויערן דיינע..
און פאַרשלאָסן איז דער וועג צו דיר.

קלאפּן אונזערע נייגער־פינגער..
און דו:
הינטער טיר און טויער שמידסט דיין סוד:
איבּערגיסן זיך אין וועלט, און וועלט —
אין גאָט.
שטייען מיר געפאַנגענע—דעם גורל׳ס אַ קאַפּריז..
און שטייף איז אונזער צונג...
און שטום איז אונזער קול..
שפּל קליין
מיר מענטשעלאַך —
אליין.

## 111

נעכטן האָט דער בבל מענטש
צו דיר מיט ליים געטורימט
ביז צו משוגעת..
און היינט:
מיט רעלסן צו די הימלען,
מיט שטאָל און מיט קאָנקריט
לייטערט זיך און גליט..
בליצט און ברענט אַ חלום פון אַמאָל..

אַזוי קומען מיר צו דיינע שוועלן:
בּלייבּן שטיין, ווי בלינדע געסט..
שטומע אין געקלאַמער..
כאַטש מיר דונערן אין דיינע ווענט
מיט פויסטן און מיט האַמער...

אונזער אומרו, — ווי מוראַשקעס...
וועלטן — מיר פורימען,
קעסטלען שטעדט און טורימען,
אונזער־ע בליקן — פראַזשעקטאָרן
זוכן אין גליוער פון דיינע הימלען.
אין ווייגעשריי און גסיסה־כאָרכל
רופן מיר צו דיר..
און דו:
אָן איינזען און אָן צער,
אָן בענטשונג און שטראַל
שוויגסטו אוים דיין רעקלאַמע:
„איך בין האַר!"

דערפאַר טוט דיין קנעכט
דער מענטש — דער נאַר,
פאַר'מסחר'ן זיין האַר
גאַט נאַקעט אפן מארק:
— קויפט! קויפט אַ גאָט, אַ ריז,
וואָס קאָן, ווי אַ שוואַרץ־קינצלער
טוישן וועלטן!
אַנדערע וואַלגערן זיך באַ דיינע פים..
— רויען זיך אין שטויב..

פאַר'משכונ'ען זייערע האָפענונגען מיט דיר,
ג אָ ט —
ב אַ נ ק ר אָ ט !
.. .. ..     .. .. .. ..     .. .. ..
ווייל דער, וואָס איז פון דיר באַשיינט מיט בליץ,
און שטייט באַם האַפן פון דער וועלט,
האָט באַשאַפן דיך — זיין גאָט..
נאָר דו האָסט זיין גלויבן אין דיר
דערשאַפן ניט געקאָנט.

IV

אַ שיף האָט דאָ דעם מענטש געבראַכט.
בלאָנקט ער זיינע טעג באַם האַפן
אַ גאַסט.
שיף וועט אים צוריק נעמען פאַרנאַכט..
פאַקט דער מענטש אוים זיין באַגאַזש,
צעוואַרפט עס אַף דער וועלט,
און בענטשט, און שעלט,
און וויינט, און לאַכט...
אַ נסיעה האָט אַ מענטש געמאַכט.

# מיראזשן

(פּאָעמע)

1

מדבר ווינטן יאָגן זיך צו גרינע ברעגן . .
שעפּן אוים די זאַמד-בערג, טראָגן און פאַרטראָגן . .
שיטן און פאַרשיטן פעלדער, ישוב, וועגן . .
געוויטערן פון ווייטן חלל יאָגן . .
פרעסן חמסין-טעג אוים פולע בייטן:
לעקן שטורם צונגען דורשטיק, היים . .
שמייסט חמסין דער מדבר׳ס פולע זייטן,
פליט צעשטערן אַלע צאַמען ווילד און בייז.
מדבר ווינטן יאָגן זיך צו גרינע ברעגן . .
ליגן דערנער ווייסע, פאַרטריקנטע, פאַרצערטע:
פיבערן בוימער אָפּגעפליקטע, נאַקעטע סקעלעטן:
ווער וועט אונז פון חמסין׳ס אָטעם רעטן ?!
. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

...אויך איך האָב באַ מיין שוועל געוואַרט באַנאַכט:
חמסין האָט זיך פאַרנומען אויך מיין הויז פאַרקערן . .
האָב איך מיין טיר געעפנט ברייט, געלאָזט זיך אין
דעם שלאַכט:

שוין בעסער פאַלן גייענדיק,
ווי גלאַט פאַרשאָטן ווערן.

האַט חמסין מיט אַ בלינד געזיפּ פאַרבלענדט מיר
מיינע אויגן;
מיט כוואַליעס זאַמד געוואַלט פאַרשיטן מיין געביין..
האָב איך פאַרנומען זיך אַף אָפּגעמעקטע וועגן:
נו, זאָל געשען, וואָס עס מוז געשען!!
גיי איך, זינק איך אין די טיפע שיסל-טאָלן..
שליסט זיך זאַמד אין הימל אָן פון אַלע זייטן..
זע איך ניט קיין סימן פון אַ ישוב און פון לעבן,
טראָגט חמסין אַ בלינדן מיך צו אומבאַקאַנטע ווייטן.
שאָקל איך זיך ווי אַ יאָדרע צווישן זאַמד און הימל שאָלעכץ;
אויף מיין פנים וואַשט זיך זאַמד אין מיינע טרערן..
איך שלעפּ זיך אַ געפאַנגענער, אַ בלינדער אין דער מדבר:
שוין בעסער פאַלן גייענדיק,
ווי גלאַט פאַרשאָטן ווערן.

11

קוואַלן זיינען וואו פאַראַן,
פליסט פון דאָרט דאָס גליק,
געה איך, מיט פאַרקלעמטע ציין,
מיט ליפּן טרוקן ווייסע,
זוכנדיק דאָס גליק.
און דער מדבר זאָגט ניט אויס,
צי גיי איך ערגעץ וואו פאָראויס,
צי גיי איך גאָר צוריק.

ווייל איך בלינד דעם מדבר גלויבן,
— טרעט איך, קנעט איך,
וואַקל ביז צום פאַלן..

בלייב איך אַ פאַרשמאַכטער ליגן.
חלום'ט זיך מיר פולע קריגן..
פורעם איך פון זאַמד אַ שליסל:
קומט דער שטורם זיך צעיאָגן,
שליסלעך פון זאַמדן טראָגן.
כשוף-קוואַלן אויפצושליסן..

III

בריט דער זאַמד און ברענט די טריט,
קנעט און קערט דער ווינד די בערג,
גליט דער מדבר — מדבר-טעג,
מדבר האָט קיין ברעגן ניט:
גיי איך, גייט דער מדבר מיט.
טריט געצייכנט האָבן טויזנט וועגן;
מיינע טריט פאַרלירן זיך אין זיי...
טראָגט דער ווינט מיין מידן קרעכץ,
צוקט פון מיר דאָס לעצט געשריי.
גיי איך און פאַרגיי אַזוי..

מדבר פאַכט מיט פייער־רוט,
גלי איך זיך אין געלן גלוט:
גיסט זיך גאָלד אין אויגן־בלענד,
טאַנצן פייער־צונגען,
גלאַנצן מעסער־שאַרפן,
— פערטלען מיין געדאַנק . .
זינק איך אַף די קני אַראָפּ,
ברי איך זיך אין ברען,
פרואוון מיינע ליפּן טרוקענע
ווי אַ תפילה מורמלען
צו דעם מדבר נאָך אַ טראָפּן . .
בלייבן מיינע ליפּן ווײַס פאַרקלאַמט.

פּלוצלונג :

ווי פון אַ רויך־געבלענד,
רעפלעקטירן גאַלאָפּירנדע קאַרטאַזשן
מיט לאַגלען פולע :
רוף איך !
פאַרטראָגט פון זיי דער ווינט מיין רוף,
פאַלט מיין אויסגעשטרעקטע האַנט
אין ברי פון זאַמד.
וויבערן כשוף־פערד און יאָגן,
טראָגן זיך מיט פולן וואָגן,
— אַ גרוס פון בוים און לאַנד . .
שווימט, פאַרשווימט און—ניט געוואָרן.

פיל איך אַלץ נאָך ניט גענאַרט,
ווייס נאָך — מיר האָט זיך געדאַכט,
אַז קאַרטאַזשן זיינען דאָ געווען —
מיראַזשן אינ׳ם ברען.
ווייס איך:
אַז די וואָס וויכערן אין גאַלאָפּ
שטעלן זיך ניט אָפּ...
און ווען עמען סע איז באַשערט
דאַן ליגן אויף דער ערד —
צעטראָטן ווערט...
דאַנק איך גאָר:
וואָס מיר איז נאָך געבליבן
זיך צו וואַלגערן און טריקענען.
און אַז די רויב-פויגל וועלן מוזן וואַרטן
נאָך אַ טאָג —
נאָך אַ טאָג פאַר מיר...

ווערט עס זשומנע אין מיין קאָפּ,
טויכט זיך אונטער מיין געדאַנק —
זינק איך, מורמלענדיק צו זיך אַליין:
איך בין קראַנק.
צינדן זיך פייערלאַך אין מיינע אויגן אַן,
לעשט זיך פייערדיקער מדבר אוים;
נעמען בלענדן גרין-געבליטע אָאַזיסן,
שפּרייען קרישטאָליק-זילבערנע פאַנטאַנען,

טראָגן זיך בלויע טייכן אין דער לופטן צווישן לאַנען:
גלויב איך — ווייל איך קען מיך מער ניט העלפן
ווי נאָר גלויבן —
פּרואוו איך זיך צו קניען, הויבן,
נאָך אַ טראָפּן אַף מיינע ליפּן טרוקענע:
האָב איך מיין גלייכגעוויכט פאַרלאָרן,
בין מיטן מויל אין ברי פון זאַמד געפאַלן:
שמייכלען מיינע באַקן
די איראָניע פון דערלייזונג,
פון זיין, בלענדן און — ניט ווערן...

נעמען פאַלן מיינע אויגן-דעקלעך,
פאַנגט זיך אָן דער מדבר שפּאַלטן, פערטלען:
גלוטן, בליצן — בלענדן.
עפּעס אין מיין קאָפּ נעמט מישן, זשומען,
פונקען זיפּן זיך פאַר מיינע אויגן —
שליסן זיך די אויגן-דעקלעך צו:
מעקט זיך, לעשט זיך אוים דער מדבר...
פאַרלאָרן ווערט דער לעצטער פייער-פינטל...
עפּעס שווימט אַוועק,
עפּעס טויכט זיך אונטער...
— פינצטער — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

# פון אונזער טיר

פון אונזער טיר — פאַנגט זיך אָן די וועלט,
פון אונזער פונק — צעגליט זיך גרויסער טאָג.
שטייען מיר, ווי הירשן גרייט צום געלאַף,
ווען עס שפּראָצט אַף טאָג:
צו דערגרייכן איינגעהילטע ווייטן.

בליצן אויגן פייערדיקע דורך טיפע נעבלען,
קלאַמערן צו הויכקייטן מוסקולן שטאָליק־האַרטע,
עקשנות׳דיק רייסן מיר בוימער מיט די וואָרצלען —
אונזער פייער גרוים צו מאַכן:
געהילטע ווייטן אויפצודעקן...

# דאכט זיך

דאַכט זיך:
צו־ערשט — ווערן מיר געצונדן,
צום לעצטן — אויסגעלאָשן...
צווישן אויף־בליץ און פאַרלעש
ראַנגלען מיר זיך יעדער רגע —
פון פאַרלאָשן ווערן...

און אפשר:
ווערן מיר צו־ערשט — אויסגעלאָשן,
צום לעצטן — אָנגעצונדן?
צווישן פאַרגיין און׳ם אויפבליץ
גליען־אויף מיר יעדער רגע,
גרייט זיך אָנצוצינדן...

# נר תמיד

מיר זיינען דאָס האַרץ אין קאָסמאָס,
דער טיק־טאַק און אָטעם פון לעבן.

טליעט, צינדט זיך אַ נר־תמיד:
— אומרו וויל זיך דורך אונז שטילן...
טויכט־אויף — ז י י ן, בליצט־אויף — ז י ן;
שווינדלט ז י ן — אין דעם ז י י ן...
האַלט עס שטענדיק אין איין גערן
נאָך און נאָך אַמאָל צו ווערן...
שמידט זיך אין געדאַנקען־קוזנע;
פונקען שפּריצן, שאַרפן בלאַנקן,
סודות׳ן זיך גאָט׳ס־געדאַנקען:
אייביגקייט — וויל ליכטיק ווערן...
ליכטיקט זיך דאָס ק ו מ ע ן.
שלייפט זיך מ ח, רייפט זיך ד מ י ו ן;
קוואַלן קוועלן — טובל׳ט זיך ז כ ר ו ן...
צינדן מיר זיך דורך די יאָרן
אין נר־תמיד...

# אין אונזערע לאָדנס

קלאַפּן אין אונזערע לאָדנס
טיק־טאַק־רופן,
פּלייצן ליכט־וועג־שטראָמען
צו דורות בלינדע...
וויברירן מיר —
פיבערן און שפּירן
דעם סוד פון אייביגקייט:
מיר — שאָטנס וואָס פאַרגייען...

## גאָרניט — חלומ׳ט

פון גאָרניט מיט גאָרניט, איינס אין אַנדערן
שמידט זיך אוים די וועלט...
אויסגעשמידטע וועלט — לייזט זיך אויף צוריק —
צו גאָרניט...
יצירה האָט מיטן קץ אַ בונד געשלאָסן:
איז פון גאָרער גאָרניט — גרויסער תמצית
פון זיי פאַרטראַכט געוואָרן...
חלומ׳ט צאַרטער דמיון — נייע ווערקן שאַפן,
חלומ׳ט שטאָל און אייזן צוריק צום צאַרטן גאָרניט ..

# צו שנעל זיך שבת-רו געמאכט

האָסט פון גרויס התלהבות פון דיין באַשאַף
צו שנעל זיך שבת-רו געמאַכט.
איז דיר, בורא עולם, ניט באַשערט
פולער פרייד פון דיין יצירה,
זעסטו איצט דיין ווערק נאָך ניט דערקנאָטן:
שטאַרצן בערג און זינקען טאָלן,
האָט די זון נאָך צופיל שאָטן,
פאָרויס דער פינצטערקייט — שטראַלן...
פאַסט ניט — דיר זאָל ווידער זונטיק ווערן,
דיינע הענט זאָלן צוריק די וועלטן איבערקערן:
ווילסטו דיין ווערק זאָל סאָרטירן זיך פון זיך אַליין,
ביז טאָל וועט זיך אויפהייבן צו דער פלאַך,
און באַרג וועט אין דעם טאָל פאַרגיין.

— ווימלען מענטשן בלינדע איבער באַרג און טאָל,
חלומ׳ען און גלויבן דיין אויסגעטראַכט לעבן:
שווינדלען הענט און ביילן האַמערס,
טיגלען גיסן שטיין און שטאָל,
טורימען שטעט — רעווען שיפן אין די האַפנס,
טרעט און קנעט, ווירבלט און עס בויט, —
האָסט וועלט דערשאַפן — מענטשעלע פאַרטרויט...

# ווײנט גאָט׳ס שוױיגן

בריאת - העולם רופט צו גאָט,
ווײל ניט ווידער תהו ווערן.
נאָר דער שעפער פון זײַן ווערק
קען זײַן אײגן ווערק ניט היטן
פונ׳ם טויט.
— גייט אוים דער מענטש
און וועלט פאַרגייט.
ווײנט גאָט׳ס שווײגן, ווײנט אַן טרערן — —

# צום הימל

וואָס הייבסטו צום הימל דיין קאָפּ,
און בעטסט דאָרטן מיטלייד, רחמנות
פאַר טויזנט פאַרלוירענע לעבנס
און מילי־מיליאָנען קרבנות.

די גאָטלאָזע הימלען זיי זיינען
דיין אייגענע ערדישע תּפיסה...
דיין האַנט וועגט דעם גורל פון לעבן,
און דו קענסט פאַרמיידן די גסיסה.

# געפאנגען

אין די שפאַלטן פון דער ערד
און באַ די ברעגן פון די ימ'ן
ווערט זיך גבורה, ראַנגלען כחות,
לאָזן זיך דעם וועג ניט צאַמען.

פישער — שפרייטן נעצן אוים,
שניטער — שניידן זאַנגען..
ערגעץ-וואו געהיימע הענט
האַלטן אונז געפאַנגען..

# צויבער וועגן

וועגן — שטומע צויבער - וועגן.
ערשטער — וועט דאָך קיינעם פרעגן...
צווייטער — וועט פאַרנעמען לענדער,
וואו דער דריטער ווערט א פרעמדער;
און דער פערטער וויל צעשטערן:
פינפטער — זאָל געבאָרן ווערן.

# ע מ י ץ

קיינער האָט די טיר געעפנט, — קיינער ניט אריין,
דאָך נאַרן מיר די אויגן ווען איך זע דאָ קיינעם ניט
— עמיץ שאָטנט דאָ אַרום, הילט אין מיר זיך איין:
פאַרטרויט אָן ווערטער מיר אַ סוד.
כאָטש פיזיש הער איך ניט און זע אים ניט
דאָך קען איך ניט פאַרלייקענען עמיצן:
משונה־הויך און טונקעלדיק,
אַ שטילער, לאַנגזאַמער און פריינטלאַכער:
שאָטנט אויף און שאָטנט אוים.
פלוצים: אַ פאַרשטיקט געשריי —
דאַכט מיר די שטימע אַ באַקאַנטע —
וואָס האָט דאָ געטראָפן?
מיין קינד! איז פון דריטן שטאָק אַראָפּגעפאַלן,
דערציילט מיר: „אַ זיידע האָט אים אויף די הענט געכאַפּט”
כאָטש איך האָב קיין זיידן אונטן ניט געטראָפן.

# ממעמקים

סע האָט עמיץ אַ מאַנטל געוואָרפן אַף מיר,
איז מיר אין פרעמד קלייד גיין באַשערט:
דאָס וואָרט פון דער טיפקייט צו שפירן און פּאָלגן,
ווי דעם פרילינג עס פּאָלגט אוים די ערד.

מזבחות פון בעל — בויט מען בא מיין פענצטער,
דער ענגל הזהב די אוינן איצט בלענדט...
אָן אומרו פון לבת־אש אין מיין האַרצן,
נאָר שטום איז מיין קול און געליימט מיינע הענט.

IV

# קאראהאד

## ריי נאָך ריי

ריי נאָך ריי,
קומען — מיט געוויין,
שטומען — באַ׳ם פאַרגיין.
זיין — איז געדריי:
אין אַ ראָד —
אַ קאַראַהאָד.
— ריי נאָך ריי
— אַט אַזוי.

אַט אַזוי,
וועג — מיט דערנער,
מענטש — מיט הערנער,
אין געשטוים
טאַנצן מיר־אוים —
דעם שיכרות־ווי.
אַט אַזוי
ריי נאָך ריי.
ריי נאָך ריי,
אין געדריי.

## קאראהאד

ווייטער, ווייטער,
און צעשפרייטער
שפיגלט, פליגלט גאָט'ס געגאַד;
ברויזן ים'ען,
קנוילן פלאַמען,
דרייען זיך אין קאַראַהאַד.

עמי'ץ האַלט דעם קאָפּ געבויגן,
עמי'ץ מיט פאַרמאַכטע אויגן
שווינדלט נים אין אונזער ראָד!

שנעלער, שנעלער,
גיכער, העלער
קום מיט אונז אין קאַרעהאַד!
טרערן — שטערן
זאָל זיך מערן,
אונזער וועלט איז גאָט'ס בּאַראַט.

הויב דעם קאָפּ אויף העכער, העכער,
חסד שמייכלט איבער דעכער,
פליסט מיט גאָלדיקן געגנאַד.

# כא-כא-לאנד

דורך דיינע גראַטעס,
כאַ־כאַ־לאַנד,
פייער - צונגען
צינגלען אום,
אַזוי שטום
— דאָס וואָרט.

מיר אַף מיר,
פאַר, מיר, פאַר דיר,
נאָר אונזער הויז
איז אָן אַ וואַנט —
גרוים כאַ־כאַ־לאַנד:
ניטאָ די האַנט
— וואָס בויט.

בלינד דאָס אויג
פאַרן קלאָרן בליק.
אונזער טראָט — פאָרוים!
אונזער וועג — צוריק...
און נאָר מע זעט
שליינג און קרעט
— אַפן וועג.

אויך איך,כאַ־כאַ,
פראַל מירן אויף.
אַ שלעכטע שעה,
אַ גוטע שעה,
זיין, אָדער ניט?
— איך בין דאַ...

# איך וועל חלומ׳ען

איך וועל חלומ׳ען אוּן האָפן:
ביז אין עלטער גרוי אריין.
שטאַרב איך, שטאַרבט אַ חלום,
לעבן — וויל אַ חלום זיין.

קומט דער „מאָרגן” — ווי דער נעכטן,
וועמען אַרט עס, אָרים פריינד.
אַ כפרה טויזנט מאָרגנס
פאַר איין חלומ׳ל פון היינט.

# זאָל שפּילנדיק דיין חלום שפּילן

זאָל גליווערן דער הימל, זאָל פלאָנטערן דער ווינט:
די זון וואַרפט אירע שטראַלן פאַר מענטשן און פאַר הינט.
— ערגעץ מאָדנע נעצן עמיץ שפּינט און שפּינט.

זאָל שימלען אונזער נעכטן — הינטער שוואַרצע נעכט,
זאָל צאַפּלען פּיצל היינט פאַר טויזנטע אַמאָל׳ן.
און סך־הכל׳ט ערגעץ וואו אַ חשבון נאָר פון נולן:
זאָל דער שיגעון דער נאַרישער דאָרטן זיין גערעכט.
ערגעץ אויף אַ וואָגשאָל וואו — הוידעט זיך דיין ווילן,
זאָל שפּילנדיק דיין חלום שפּילן, שפּילן און פאַרשפּילן...

# צינד אָן די ליכט...

צינד אָן די ליכט, בליץ אויף דיין הויז,
פאַריאָג די אומרו פון דיין טיר,
פאַרטרייב די שאָטנס פון דיין שוועל:
זאָל יום טוב זיין —
כל זמן יום טוב קען נאָך זיין.

וועק־אויף די פרייד, דערשטיק די פיין,
פאַרלאָך דעם צער, פאַרטויב דעם וועה
די הנאה איז צו קאַרג.
פאַרלעב די שעה:
כל זמן לעבן איז נאָך דאָ.

## פאַרנאַר דיין פּיין

פֿאַלט דער בעכער דיר אַרויס פֿון האַנט:
הויב אים אויף און פֿול אים אָן צוריק —
פֿאַרלעב דאָס פּיצל שיכּרות-גליק.
און ווייטיקט די נשמה נאָך?
בויג איבערן כּוס דיין קאָפּ אַראָפּ:
זאָל טריפֿן פֿון דיינע אויגן טרער נאָך טרער —
סע האָט דער גורל אונזער יייי-געשריי
קיינמאָל ניט געהערט.
איז אַזוי שוין אונז באַשערט.

פֿאַר'שיכּור און פֿאַרנאַר דיין פּיין:
שלינג מיט הנאה דיינע טרערן-ווייַן.

# מ ש פ ט

ראַנגל זיך, דעם פלאַם צעשפרייט,
טריף מיט בלוט און קלינג מיט קייט;
זאָל רינצלען זיך דיין הויט,
בראָטן דיין געביין:
שמייכל, און לייד אויס דיין פיין:
מענטשן האָבן ליב אַזוי...
דאַרפסט פאַר זיי אַזעלכער זיין.

דיין אויג מאַך-צו, פאַרקריץ די ציין,
הער אויס דעם משפט: א ו נ ט ע ר ג י י ן.

# טו-אן דיין שענסטע ווייסע קלייד

טו אָן דיין שענסטע ווייסע קלייד,
צינד אָן דאָס פּנים — לייכט מיט פרייד,
קוועל און טרעל צו יעדן פאַל
באַ אַלע זייערע פּוסטע רייד —
ווען עס פּלאַצט באַ דיר די גאַל.

מייד אויס, פאַרמייד באַדויערן.
אין ווייס קלייד — וועט פרייד ניט טרויערן:
מענשן האָבן אַ באַגער
אין דיין האַרץ צו לויערן,
זיך טובל׳ען אין דיין טרער...

טו אָן דיין ווייסע, שענסטע קלייד,
און זאַמל-אויף די לעצטע פרייד:
נאַר זיך זעלבסט — דאָס האַרץ צעפּליק,
פאַרבאָרג דעם וויי, דעם צער פאַררייד,
שטילער — שאַ! —דערווערג — דערשטיק —

# זיי דער שיכור, זיי דער שיינקער

טרינק פון בעכער, חבר טרייער!
ברענט אַ פייער — לעש דעם פייער!
שווער צו שווייגן, שווער צו טענה'ן,
מאַנען יושר — בײַ דעם היינקער.
פלעשער פינקלען פול מיט ווײַנען,
זיי דער שיכור, זיי דער שיינקער.

ציילט די וועלט אומזיסט די יאָרן,
מענטש — איז נאָך ניט מענטש געוואָרן.
אונזערע טעג געהערט דעם היינקער.
— גיב די נעכט אַוועק דעם שיינקער.
טרוקן איז דאָס האַרץ געוואָרן,
אין דער וועלט פון פיין און צאָרן.

זיי דער שיכור, זיי דער שיינקער.
ניט דערטראַכט נאָך האָט דער דיינקער,
ניט דערשאַפן האָט דער שעפער;
מענטש — אַ מפּיל'ע — פּאַר די ניין,
קען קיין אַנדער וועלט ניט זיין.
פיל דעם בעכער, טרינק דעם ווײַן.

# גאָרניט האָט געטראָפן

ווער רוישט דאָ אין מיין שטילקייט,
וועקט אין מיר מיין אומרו?
דאַכט זיך: קיינער איז געקומען,
קיינער איז אַנטלאָפן.
רו — מיין רו!
וואָס האָט דאָ געטראָפן?
— גאָרניט האָט געטראָפן.
נאָר —
אַ שלאַנג איז דאָ פאַרקראָכן,
האָט די שטילקייט זיך צעבראָכן.

אמת —
סם אַ זעקל טראָגט זי,
שיינע רייד פאַרמאָגט זי,
נאָר פון מיינע אויגן-בליצן
וועט זי זיך ניט קאָנען שיצן.

# אין דויער

ווערט לײדיק דער בעכער, נעמט ווידער דיר נאָגן.
זופּ ביז׳ן דעק אוים דאָס קריגעלע וויין,
דער נעכטן פאַרגאַנגען, זאָל דיר נעכטן ניט נאָגן,
צו וואָס דאָ פאַרשטערן מינוטן פון זיין.

פאַרשווענד די מינוטן, פאַרלעב דאָ דיין לעבן.
דו זעטיק דיין דורשט — אַ שכרות דאָס שטרעבן,
אין דויער — דער בעכער ווערט פולער מיט טרערן,
זאָל היינט דיר געהערן, דער איצט איז דאָס לעבן.

V

# שאַטנס

## טריט

קיינער קומט אונז ניט אַנטקעגן —
קיינעם טרעפט מען דאָ צו פרעגן
וואו עס פירן אונז די וועגן.

קיינער קומט ניט מער צוריק,
ברעכט זיך הינטער אונז דער בריק:
ליגט אין טראָט אַליין דאָס גליק.

# א הויז

כ'האָב פֿאַמעלעך, שטיל געעפֿנט אייער טיר,
פֿאַרשטויבט פֿון וועג בא'ם שוועל געבליבן שטיין.
האָט קיינער מיך געבעטן ווייטער גיין,
און קיינער האָט געשטעלט קיין שטול פֿאַר מיר..
האָב איך פֿאַרקליבן זיך אין ווינקל אָפֿן דיל,
געלייגט מיין מידן קאָפּ אָף מיין פּעקל.
אין פֿרימאָרגן האָב איך שטיל געעפֿנט אייער טיר,
אָף פֿרעמדע וועגן זיך געלאָזן ווייטער גיין.
און בא אַ פֿרעמדן טיש איצט פֿרעג איך זיך,
פֿאַרוואָס זאָלן יענע מענטשן אויך וואוינען אָפֿן וועג — —
ווען סע איז פֿרעמד אין זיי די פֿרייד:
אַפֿרעמדן צו באַגעגנען.
און טויט איז זיי דער צער:
מיט אַ מענטשן זיך געזעגנען.

## ברענט אַ פייער

ברענט אַ פייער אין מיין האַרצן —
קיינער האָט געצונדן.
פיל איך קייטן אַף די פיס —
כ׳זע זיי ניט געבונדן.

דער נעכטן איז מיין אויג פאַרביי —
פאַרטייעט אין אַ דרימל.
וואָלקנס אין מיין מוח פול —
זע איך ניט קיין הימל.

שטראַלט מיט פרייד אַמאָל מיין פנים,
— צער אין מיינע אויגן...
שטום — אָן פליגלען, יאָרן מיינע
זיינען זיך צעפלויגן.

## איך בין

איך בין:
אַמאָל — אַ גרעזעלע, אַמאָל — אַ שטיינדעלע,
אַף דער וועלט — אַ חנ׳דעלע.
אַ שמעטערלינג, איבער באַרג און טאָל.
מיט מיר איז וועלט-באַשאַף
דאָך גאַנץ געוואָרן —
איינמאָל — פון אַמאָל:
איז איינמאָל — אַלעמאָל.

# באנייאונג

ניט אַף בערג האָב איך געקלעטערט,
ניט אין טאָל האָב איך געניָדערט.
— אַף פלאַכקייטן — באַשיידן
האָט געדרוט מיין טראָט.

ניט געהאַנדעלט מיט קיין געטער,
ניט פאַרנומען זיך מיט שפּעטער.
— בנעימות׳דיק — מיט צוטרויען
געגלויבט מיין טראָט.

זיינען ווינטן אָנגעקומען,
האָב איך זיך אויפן באַרג פאַרנומען,
— לויערט אונטן: טאָל צעשפּרייטער,
אָנגעגרייטער.

שטויסט מיך ווינט פון שפּיץ דעם שאַרפן,
וויל מיך אויך פון דאָרטן אַרונטערוואַרפן.
— קעמף איך מיט׳ן ווינט פאַרשייטער
אַ באַנייטער.

# רירט זיך, רעדער

ניט געשטאַנען, רירט זיך, רעדער
פון דער שטייפער רו.
אַוואו —
אַ, צום טייוול נעמט מיך מיט,
פרעגט מיר ניט אַוואו,

וואַרט מען ערגעץ אויף מיין קומען?
וועט דען בלייבן ווער דאָ בייענקען?
בייענקען! עט —
שנעלער, רעדער, טראָגט זיך, יאָגט זיך:
גיט ניט צייט צו דיינקען.

# ניט אין טיפקייט

ניט אין טיפקייט.. — נאָר אין ברייטקייט
שפּרייט זיך, בויט זיך וועלט די נייע,
לענדער, נעצן — ערי־מקלט׳ס:
צאַמען אין דער וועלט דער פרייער.

פלאַקערן אויף שייטער־הויפנס
קולטור־אוצרות נאָך פון דורות.
ביז די הימלען אונזער חכמה —
נאָר אין פויסט ליגט אונזער תורה.

קומט ניט קיינער אונז צו העלפן,
קומט ניט קיינער אונז צו היילן,
וועט דער שטאַרקער פויסט דען אייביק
מעשה׳ס בייזע אונז דערציילן?

ניט אין טיפקייט, נאָר אין ברייטקייט
שפּרייט זיך, בויט זיך וועלט די נייע.
שוואַרצע פליגלען גרייכן הימלען,
ווייסע — ברענען אינ׳ם פייער.

## ווער וועט גלויבן

ס'וועט נאָך קומען אַ דערלייזער,
כאַטש עס שוויַיגן איצט די שטערן.
וועלכער פּרעה וועט זיך שטעלן,
אין טייַך אים וואַרפן אונז באַפעלן.

וועט ער בלייבן לעבן — דער פון יענע..
וועט אַ נייַע תורה געבן:
אונז צו לויטערקייט דערהויבן —
ווער וועט א י צ ט ע ר אָבער גלויבן?

# נאכט

אַנגעשטיפּט זיך מיט מיין קינד —
אים איינגעליוליעט, איינגעוויגט,
צום בעטעלע פאַרטראָגן.
צו דער מאַמע — געשאָקלט מיטן קאָפּ,
געשמייכלט — און פאַרלייקנט
מיין געדאַנק.

פּיין —
וועק זיי ניט: שטער ניט אונזער שטילקייט,
זאָלן מיינע גסיסה-בליקן ניט באַגעגנען
טרערנדיקע אויגן.
ס׳וועט מיין קינדס געוויין מיר ניט פאַרהאַלטן מערער דאָ—
ווי מיין אייגענער גראַנגל.
נאַכט — לעצטע נאַכט..
ווען ס׳וועט אַ וואָלקן פאַרשטעלן די לבנה,
שיק דיינע שאָטנס עדות׳ן —
באַ מיין סך-הכל.

נאַכט —
שלים איין אין דיין געהיימעניש מיין טרויער,
אין דיין פינצטערקייט — מיין שאָטן.
זיי אַן עדות באַ מיין לעצטן צאַפּל.

טויט —
איז היינט דער לעצטער טיק־טאַק פון מיין האַרץ,
אַ טרייסל און אַ קרים?

# VI

# שוים

## דאָראַ'ן

# קום

קום מיט מיר אַף מיינע וועגן,
זון און שאָטן — מיינע וועגן...

מיינע וועגן — דיינע וועגן:
וועמעס וועגן?
פליען גאָלדיק זונען פלעקן,
ווילן שאָטנס זיי פאַרדעקן,
זון און שאָטן, בלום און בליטן —
און מיר ביידע אין דערמיטן.

. . . . . .

קום מיט מיר אַף אַלע וועגן,
ווייטער, ווייט אונז רופט אַנטקעגן;
אין אונזערע לאַגלען שטאַרקער ווײַן,
אונזער זיין — שיכור זיין.
קום, מיר ביידע איצטער בליען,
ווי שמעטערלינגען — פליען:
לאָזן היינט, און יאָגן מאָרגן,
אונזערע געמיטער רעגן,
פייערן צינדן אַף די וועגן,
בליקן בליצן, אויגן שטראַלן,
לעבן טובל׳ט זיך אין קוואַלן...

# בלומען

פאסן וואלט זיך, מיט מיין קומען
דיר צו ברייננגען פרישע בלומען.
נאר וואו זאל איך בלומען נעמען?
עס איז ליידער איצט נים פרילינג,
פול מיט דערנער זיינען פעלדער.

נאר איין פעלד איז מיר באקאנט,
וואו דער פרילינג איז צעבליט...
אין מיין הארצן איז דאס פעלד, —
און איך זינג פון דארט א ליד.

# אין נעץ

אין געראַנגל פון דיין כשוף-בליק,
אין נעץ פון דיינע גלידער
גלי איך און איך צאַפּל זיך,
געפאַנגען בין איך ווידער.

ווידער לאַכן אונזערע אויגן,
פינקלען טרערן, פינקלען פרייד.
וועלן מיר שוין מער ניט קלערן,
אז מיר וועלן זיין געשיידט.

# א וואלקן

אַ וואָלקן האָט די זון פֿאַרשטעלט, —
איז ניט יום-טובֿ'דיק די וועלט;
קוים איז דער וואָלקן נאָר פֿאַרביי,
שײַנט די זון אונדז פֿון דאַסניי.

דו האָסט געזאָגט: „כ'האָב ניט ליב",
בין איך געוואָרן מאָהנע טריב;
האָסטו געזאָגט: „דו ביסט אַ נאַר!"
האָב איך זיך געפֿרייט דערפֿאַר.

## זיי א גוטע

זיי אַ גוטע, מיין קאַפּריזנע,
ניט ברוגז — און פאַרגיב!
נאַרעש איצטער דיין עקשנות,
ווען מע האָט זיך ליב.

נאַרעש זיינען איצט עקשנות,
אויסברוך פון דיין כעס,
מאָרגן וועסטו זאָגן מיר:
"כ'האָב געמאַכט אַ שפּאַס".

# נאגט מיין הארץ

נאָגט מיין הארץ, מיין מוח גליט,
מאָנט, דערמאָנט און שטערט מיין רו.
געווען אַ נעכטן איז אַמאָל;
אַף דער וועלט: נאָר איך — און דו!

עפּעס ווילט זיך וויינען, לאַכן.
נאָגן, מאָנען מיך רעיונות.
נאָכט האָט היינט זיך אָפּגעשטעלט
אויסצוהערן מיינע טענה׳ס.

שווייג איך, און דו — שפּילסט לחכעים,
בליצסט אין חלום — ווערסט פאַרשוואונדן.
פרייד און שטראַלן היילן קראַנקע,
פּיין און שאָטן — בלוטן וואונדן...

# האלב נאָך צוועלף

האלב נאָך צוועלף נאָך האלבער נאַכט,
טיפקייט האָט געהויערט, הימל האָט געטראַכט,
און ערגעץ הויך אַ שטערן האָט געוואַרט —
געמורמעלט האָב איך הילפלאָז-שטיל:
מיט אויגן — תפילות צום הימל:
צי הײנגט ניט ערגעץ דאָרט אַ חסד וואו.
— דו! — ראַנגעלסט זיך אין קלאַמערן,
עמיץ פון דער טיפקייט רופט,
נעצן רײסן זיך, נעצן קניפּן זיך און שפּרײטן,
טויט און לעבן האָבן זיך באַגעגנט אַפן שוועל
און אײנער טרעט ניט אָפּ דעם צווייטן.

פּלוצלונג האָט דער שטערנדל נאָך האלבע נאַכט
אַ שליחות ערגעץ וואו געמאַכט —
האָסטו אַ פרייד אין הויז געבראַכט,
האָסטו דעם תמצית פונ׳ם לעבן
איבער נאַכט מיט פרייד געגעבן.

האָבן מיר דערקענט דעם זין
פון זיין, ניט זיין און פון איך בין...
איצט זיינען מיר ווי קינדער דריי
פון האלב נאָך צוועלף נאָך האלבער נאַכט.

## מאָרגן וועל איך בייִנקען

שווינדלען שטראַל און שאָטן,
בלענדן מיך אין שרעק.
יוגנט־קלאַנג אַן נאָטן
געקומען און אַוועק...

מאָרגן וועל איך בייִנקען,
בייִנקען נאָכן הייַנט,
וועט זיך מיר געדייִנקען
ווי סע האָט געשייַנט...

# דערינערונג

מיר האָבן זיך ביידע באַגעגנט — געפאַנגען,
דער כּשוף פון יוגנט — די לוסט האָט גערעגט;
אַזוועק איז דער פרילינג, מיר זיינען צעגאַנגען,
אַ שטילינקער שניי אונזער דאַך האָט באַדעקט.

איצט בלאַנק איך אום וואו מיר זיינען געזעסן,
פאַרגאַפט פון זכרונות: כ׳בין ווידער געפאַנגען.
מינוטן פון נעכטן איך קען ניט פאַרגעסן,
אַז דו ביסט געווען מיין געזאַנג פון געזאַנגען.

# אין גלי

זכרונות — זיי זיינען געבליבן פארזיגלט,
פארפלויגענע פונקען אין הארצן נאך ליגן.
זיי גליען צוזאמען און צינדן־אן פלאמען
און מאנען, דערמאנען — דיך ווידער צו ליבן...

וויל איך פארגעסן, און קען ניט פארגעסן:
אין הארצן געפינט זיך דער בעסטער זכרון.
איך קען ניט פארגעסן און וועל ניט פארגעסן:
מיט דיר, אין מיין לעבן, איז לעבן געווארן...

# איך בײנק

ביסטו ערגעץ וואו פאראן?
פארגעס מיך ניט — געדײנק!
— נע־ונד פארשוווענד איך זיך...
באַ'ם טישל אין אַ שײנק.

ביסטו ערגעץ נאָך פאראן?...
פיל כאַטש ווי איך בײנק.
איך קען מײן בײנקשאַפט ניט פאַרטויבן מער
באַ'ם טישל פונ'ם שײנק.

רוף זיך אָפּ וואו, רוף זיך אָפּ!
מײן נשמה'ס כוס — מײן שײנק;
אין עולם־התוהו זינק איך — און
איך בײנק נאָך דיר! איך בײנק.

# זכרונות

(פאָלקסטאָן)

שווער מיר אָנצופאַנגען
באַנגען לאַנג פאַרגאַנגען,
שווער זיי צו דערציילן,
שווערער צו פאַרהיילן.

אַ חלום אויסגעשפּונען,
אַ חלומ׳ל צערונען,
ווּעסטו קיינמאָל וויסן,
ווי ס׳איז מיין האַרץ צעריסן.

דאָ זיינען מיר געזעסן, —
איך קען דאָס ניט פאַרגעסן.
דו ווּעסט דאָס ניט געדיינקען,
דיר ווּעט זיך גאָרניט בייַנקען.

דאָ האָבן מיר געשוויגן,
שטילער פאַרגעניגן.
ווּעבן זיך פאַרלאַנגען,
שווער זיי אָנצופאַנגען.

שווער איז צו פאַרהיילן,
שווערער — צו דערציילן,
ווּעסטו קיינמאָל וויסן,
ווי ס׳איז מיין האַרץ צעריסן.

# אַ בריוו

דערמאָנסט מיר:
אין די פאַרנאַכטן בין איך אַף דיין שויס געזעסן,
שטום געקוקט מיט שרעקנדיקע בליקן —
אַף דיין אומעט-בלייכן פּנים.
און ס'האָט מיין קינדער-קעפּל אין דיר געטוליעט זיך,
ווי דאָס שפּעלע צו זיין סטאַדע פאַר'ן אָנקום פון אַ שטורם.
— האָב איך זיך געשראָקן פאַרן שלייכן פון די שאָטנס
יענע פאַרטראַכטע קינדער'שע פאַרנאַכטן!
און דערמאָנסטו, מאַמע:
פלעגסט מיין קרויזיק קעפּל צערטלען,
מיינע שלעפעריקע אויגן קושן.
מיט דיין פרומען שעפּטשעדיקן ניגון
מיין אומרואיק הערצעלע באַרואיקן, פאַרוויגן,
טראָגנדיק מיך צום שלאָף-צימער,
ווי אַ איד די הייליקייט צום ארון קודש.
און לאַנגזאַם פלעגסטו לייגן מיך אין וויגעלע,
פאַדענען זיך לאַנג נאָך אַרום מיר,
ביז דיין שעפּטשעדיקער ניגון פלעגט זיך אויסגיין,
ווען איך האָב מיין צענטן חלום שוין גע'חלום'ט,
דאַמאָלסט האָסטו דעם קאַמער אָן קלאַנג, אָן רויש פאַרלאָזט
ווי דער כהן גדול דעם קדשי-קדשים,
מיט פאַרטרויענדן בטחון און סודות'דיקער פרומקייט.

און גערדיינקסטו?

ווען מיין קינדערשער שגעון האָט פאַרוועלט זיך פון דיין
שוים אַראָפּצוקריכן,
מיט דינע וויגנדיקע פיסעלאַך אַף דער וועלט צו טרעטן,
און איך האָב מיט קליינינקע השגה׳לאַך
אין די ווינקעלאַך פון אונזער הויז
אָנגעפאַנגען דאַן מיין יוגנט וועבן.
שפּעטער: ווען די ערד האָט אונטער מיין טראָט געציטערט,
האָב איך זיך געטראָגן מיט פיסטאָלעטן אין די שולן
און מיט פאָנען אין די וועלדער,
האָב איך טראָציק געמאַרשירט דורך די גאַסן,
געזונגען און פאַרקלונגען:
פון אַ מאָרגן פון אַ נייעם,
צו באַזיגן און באַפרייען.

איינמאָל: נאָך האַלבע נאַכט,
ווען פון די וועלדער זיינען אַלע זיך צעגאַנגען,
צערונען, ווי די שאָטנס,
און איך האָב מיין חבר׳טע מורמלענדיק מיט צערטלאַכקייט
צו איר היים דערפירט;
איבער אונז האָט דער הימל העכער זיך דערהויבן,
די שטערן האָבן צו ווייטקייטן געוואונקען — געצויגן;
ווען עס האָבן מיינע ציטערדיקע פינגער
אין טיר פון אונזער איינגעזעצטער שטיבעלע געקלאַפּט,
און דער ווידער־קלאַפּ האָט ווידערהוילט און אָנגעזאָגט
פון דעכער איבער דעכער אז איך קלאַפּ
אין דער קליינער, אין שאָטן איינגעהילטער שטיבעלע
אַ גאַנצע נאַכט...

דעמאָלט, מאַמעניו:

וועז דער מאָרגן־שטערן איז בלייך און בלייכער געוואָרן,
און בייזע הינט האָבן געוואָיעט אַ גאַנצע נאַכט,
און איך בין מיד געווען צו באַגעגנען דעם נייען טאָג...
פאַרוואָס האָסטו ניט אויפגעמאַכט די טיר,
מיך איינגעליוליעט, מיך באַרואיקט און פאַרוויגט?
איצטער —שרייבסטו— "שטייט אָפן לאַנג שוין אונזער טיר".
לייען איך — און גלויב מיר, מאַמע,
שטערן האָבן מיך פאַרפירט
אין דער גרויסער וועלט אריין,
און גרויסע וועלט האָט אָפגעמעקט אין זכרון מיר —
נידעריקע שטיבעלאַך,
די אַלטע הויכע שול מיט דאַך אַף דאַך,
און דעם טיפן בלויען וואַלד...
און, נאָך טיפערע, דיינע אויגן: ווי אין קוואַלן־אָפּגרונטן
זיינען מיר אין דמיון מערער ניט געוואָרן.

נאָר איצטער:
איז דיין רוף פלוצלונג צו מיר געקומען —
ווען עס וואַלגערט זיך דיין זון אַף אַשעס פון דער וועלט,
וואָס איך אַליין האָב אויסגעחלום׳ט, אויסגעטורעמט.

ווי מיראזשן זיינען מיינע יארן דא געווען און ניט געווארן
אַ נאַקעטער שטייט אויסגעטאָן דער מענטש אַנטקעגן מאָרגן
מיט ברוינעם לייב, מיט מוסקולן שטאָליקע —
גרייט צו פאַלן אַף די קני — צו וויינען און צו בעטן
מיט כוחות — צו שטערן און צו בויען.
און סע שלאָגט נאָך ניט די שעה פאַר דעם גיגאַנט־מענטש
צו צעשווינגען זיינע הענט —
צו לאָזן פאַלן איבער וואַנט און צאַם:
אַז טרייסלען זאָל די ערד.

נאָר דיין רוף איז איצט געקומען...
נו, שרייב מיר, מאַמע, נאָך אַ בריוול.
און אפשר וואַרט נאָך יענע חבר'טע?
ווער איך, מאַמע, קומען נאָך אַהיים צוריק.

# א מאמע

פון דער טונקל-בלאַסער זאַמוט
זיינען פויגלען צוועלף צעפלויגן:
זוכט אַ מאַמע אירע קינדער,
נעבעך בלינד און איינגעבויגן...

שפּאַנט נאָר ווער אַ פערד צום וואָגן,
וויל זי וויסן וואו זיי פאָרן.
„פאָרט בשלום — יעדן ווינשט זי —
דאָרט האָב איך אַ קינד פארלאָרן!"

„אפשר וועט איר אים דאָרט טרעפן,
זאָלט איר זיך באַמיהען זאָגן:
איך, זיין אַלטע, קראַנקע מאַמע
קען ניט מער אַריבער טראָגן"...

VII

# זאַנגען אין די מילן

## לייבוש
## און שולמית׳ן

# קינדער שפּינען אונזער לעבן

ציען וועגן, קרייזן שטעגן:
פאַר די יונגע קינדערס וועגן.

זומער היצן, ווינטער גליטשן,
לאַנגע יאָרן זיי באַשיצן.

קינדער בויען, קינדער וועבן:
קינדער שפּינען אונזער לעבן.

שטייגן קינדער באַרג אַרויף,
גייען טויזנט זונען אויף.

לאָזט אַ קינד זיך גליטש אַראָפּ,
שניי־באַזילבערט ווערט זיין קאָפּ.

ציען וועגן, קרייזן שטעגן;
שוועבן קינדער אויף די וועגן.

# זאנגען אין די מילן

פעלדער בריען, פעלדער בליען:
זאנגען פאר די מילן,
זאנגען פאר די מילן.

גראבט דער אקער — בליצט די קאסע:
זאנגען פאר די מילן,
זאנגען פאר די מילן...

פורן פירן סטויגן קארן:
זאנגען צו די מילן,
זאנגען צו די מילן.

זאנגען אפ׳ן וועג פארלארן...
זאנגען אין די מילן,
זאנגען אין די מילן.

ברענט די זון, לעשט א רעגן:
זאנגען אף די וועגן,
זאנגען אף די וועגן.

רעדער זינגען, מילן מאלן:
מעלן אין די מילן,
מעלן אין די מילן.

## גליטשן מיר

גליטשן מיר און שליטלען זיך,
וואו די ווינטן טראָגן,
קאָפּ אָף קאָפּ, באַרג-אַראָפּ —
ווער וועט איבעריאָגן?

באַרג-אַראָפּ, קאָפּ אָף קאָפּ,
איינער אָפן צווייטן...
ראַטעוועט זיך ליבעלע
מיט אַ נאָז אַ רויטן.

קריכט אַרויס אַשנייאיקער
יאָסל אָן אַ היטל...
פרעגט צעשראָקן ליבעלע:
„וועלכער איז מיין שליטל?"

שרייט פון ווייטאָק חיימ'ל:
„מיין פיסעלע געלונקען!"...
טראַכט שוין ניט פון שליטעלע,
צו דער היים געהונקען...

זון טראַכט אויך שוין גליטשן זיך
פון בערגעלע העט-ווייט !
בלויע הימלען טונקלען זיך...
— גיין אהיים שוין צייט !

רייבן מיר די הענטעלעך,
קלאַפּן אַפּ די היטעלעך,
הונגעריק-פאַרמאַטערטע
שלעפּן מיר די שליטעלעך.

# אין שולע

גיכער, קינדער, מאַרש אין שולע,
לערנען דאַרף מען דאָך אַ פולע;
אין דער שולע וואַקסט מען אוים,
אין דער שולע ווערט מען גרויס.

חיימ׳קע, גיי אַרוים פון בלאָטע,
האָסט פאַרשמירט דאָך דיין קאַפּאָטע:
מענשן וועלן נאָך דערזען,
אַז דו ביסט אַ קינד אַ ברען.

יאָסקע, טו אָן גיך דיין רעקל,
הערסט ניט אַז עס קלינגט דאָס גלעקל?
משה׳קע, מאַך צורעכט דאָס היטל!
אַי, אַ נאָז עס איז באַ גיטל!

שנעלער קינדער, שנעלער, גיכער,
לויפט אין שולע, ווי דער וויכער:
אין דער שולע וואַקסט מען אוים,
אין דער שולע ווערט מען גרויס.

# שטראלן קינדער פון די בלאטעם

קומען וואָלקנס אָן פון וואַלד —
ווערט עס פינצטער, ווערט עס קאַלט.

רויען קינדער זיך אין הויז,
ווילן ניט אין גאַס אַרויס.

לויערט ערגעץ וואו די זון —
לאַכט מיט שטראַלן אויס דערפון.

זיפן וואָלקנס טראָפּנס אויס,
שפּרייען, גייען וואָלקנס אויס.

טוען קינדער שיכלעך אויס,
און אין דרויסן, מאַרש ארויס.

איז דער דרויסן ליכטיק, נאַס,
הילכט פרייד פון גאַס צו גאַס.

מיט פאַרהויבענע קאַפּאָטעס,
שטראַלן קינדער פון די בלאָטעס.

# טרא - לי - לא - לאם

באַ אַ פענצטער וואַקסט אַ בוימעלע,
האָט צווייגעלאַך דאָס בוימעלע;
טראָצט עס,
שפּראָצט עס.
טראַ—לאָם — טראַאַ—לילאַ—לאָם

שטעלט זיך אָפּ אַ פויגעלע,
בויט אויף איר אַ שטייגעלע:
אַ קעסטעלע,
אַ נעסטעלע.
טראַ—לאָם — טראַאַ—לילאַ—לאָם.

זשומט און זשומט אַ פליגעלע,
אומרו אַרום נעסטעלע,
וואו—זי, שזו—זי,
שזו—זי, קוש—זי.
טראַ—לאָם — טראַאַ—לילאַ—לאָם.

קריכט אַרום אַ מילבעלע,
פאַר זיך אַליין אַ זילבעלע,
איך — איך!
גיך — גיך.
טראַ—לאָם — טראַאַ—לילאַ—לאָם.

אַ חלום חלומ'ט דאָס מענטשעלע —
ראַשט אַרום אַ מענטשעלע,
כאַפּ, לאַפּ,
קלינג, קלאַפּ.
טראַ—לאַם — טראַאַ—לילאַ—לאַם.

שלייכט נאָך אים אַ שאָטנדל,
אַ שומר איז דער שאָטנדל,
שלייכט עס,
ווייכט עס.
טראַ—לאַם — טראַאַ—לילאַ—לאַם.

שאָטן זוכט טראַלילאַלאַם,
טראַלילעדיקן טרילאַלאַם:
טרילט עס,
שפּילט עס.
טראַ—לאַם — טראַאַ—לילאַ—לאַם.

# דוד

## באַלאַדע (אַ מעשה׳לע פון תנך)

דאָס מעשה׳לע, דערציילט זיך פשוט,
ס׳האָט אַ ריז זיין קאָפּ פאַרלאָרן,
און אַ קליינער, צאַרטער פאַסטוך
איז אַ גרויסער העלד געוואָרן.

און געטראָפן האָט דאָס, קינדער,
אין דעם אַלטן „הייליג" לאַנד,
ווען קעגן פאָלק זיך פלעגן שטעלן,
ווער עס האָט געהאַט אַ האַנט.

סע איז אַ גלית אויפגעשטאַנען
באַ די פלישתים, די רשעים,
הויך און ברייט — אַ פעלזן־ריז,
ווי עס טרעפט זיך באַ די גויים.

מיט חוזק האָט זיין שטים געדונערט;
אין פערציק טעג האָט ער באַפוילן:
זאָל דאָס פאָלק פון זיך באַשטימען,
ווער מען קעגן אים צו שטעלן.

„קלייבט אוים איינעם פון אייך אַלע,
אייער שטאַרקסטן, אייער בעסטן,
זאָל ער קעגן מיר זיך פּרואוון
מיט מיין גבורה צו פאַרמעסטן.

ווער עס וועט דעם קאָפּ פאַרלירן,
וועט דאָס פאָלק זיינס שקלאַפן ווערן,
צו דעם זיגער — דער באַזיגטער
זאָל מיט ווייב און קינד געהערן."

יענעם טאָג האָט קעניג שאול
די חילות געלאָזט מעלדן:
אז ער וועט באַלוינונג געבן
צו דעם שטאַרקסטן פון די העלדן.

קיינער האָט זיך אָפּגערופן,
איז דאָס פאָלק אין צער געשטאַנען,
אַף אַ נס און אַף אַ גבור
האָבן זיי געוואַרט, ביז וואַנען

ס'איז דער יונגער פאַסטוך דוד,
ווי אַ הירש שנעל אָנגעלאָפן,
אָן אַ שווערד און אָן אַ פאַנצער,
יענעם שטאַרקן ריז באַשטראָפן.

שאָף און רינד האָט ער פאַרלאָזן,
הימל, בערג און בוים און פעלד,
ס׳האָט אין אים געגליט אַ גבור,
ס׳האָט אין אים געברויזט דער העלד.

שטיינדלאַך האָט ער אָנגעקליבן,
און איז נעענטער צוגעלאָפן,
פלינק געצילט אַהין, אַהער,
ביז איינם גלית׳ן האָט געטראָפן.

פון דעם שטאַרקן קלאַפּ אין שטערן,
ווי אַ בער איז ער געפאַלן,
האָט דאָס אידיש פאָלק געיובלט,
מיט געזאַנג און שופרות-שאַלן.

---

דאָס איז נאָך ניט, קינדער, אַלץ,
מאַלע וואָס עס איז פאַרלאָפן,
איך בין גערן אייך דערציילן,
וואָס דער נאָך האָט זיך געטראָפן.

יאָרן הונדערטע פאַריבער —
דורך די אַלע, אַלע יאָרן,
פון שטיינדל אינ׳ם טאָל פאַרוואָרפן
איז אַ פעלזן-באַרג געוואָרן.

אָט אזוי, דערציילט דער זיידע,
זיידן דאַרף מען שטענדיק גלויבן,
שטאַרק צום קריג איז איצטער שטיין-באַרג,
אָבער שווערער פיל צום הויבן...

ווען עס שרעקט דאָס פאָלק מיט גזרות,
קומט אָן דוד פון דער ווייטן,
אַף אַ פלינקן פערד אַ ווייסן,
צו דעם שטיינבאַרג דאַן צו רייטן.

שפרינגט מיט אימפעט צו דעם פעלז - באַרג,
קוקט אין הימל, בעט מיט גלויבן,
און עס מורמלען זיינע ליפן:
„כח גיב מיר אים צו הויבן".

אַ טרויעריקער זיפצט ער שטיל,
פון די אויגן טרערן פאַלן,
טראָגט אַ סוד זיך דורכן מדבר,
וויינען, קלאָגן די שאַקאַלן.

און אַ שטימע שטייגט אַריבער
דאָס געוויין פון די שאַקאַלן,
און עס בעט זיך, און עס וואָרנט:
„לאָז ניט מער קיין שטיינער פאַלן,

ווען די שטים אַנשוויגן ווערט,
ווישט ער זיינע פייכטע אויגן,
זעצט זיך אַף דעם פערד דעם ווייסן,
רייט צוריק, דעם קאָפּ געבויגן.

רייטער מוז דערווײַלע וואַרטן,
ביז די וועלט וועט ווערן גרייטער,
וואַרטן, ביז עס וועלן קומען
זיינע גלויבער און באַגלייטער.

הויב ניט מער דעם פעלזן־ריז,
שלאָגן — זאָלן זיך נאַראָנים,
מיד דיין פאָלק שוין, קלוג און אַלט,
און קראַנקע זיינען דיינע שונאים.

טראָג דער וועלט אַנטקעגן שלום!
אויך די שונאים האָבן נויטן...
ביינקען, וואַרטן אַף דיין קומען,
הויבן אָן זיך שוין צו גרייטן...

טראָג דער וועלט אַנטקעגן שלום —
קעגן שווערד — שטעל זיך אַ צאַרטן!
אַ דערלייזער — מיט אַ שמייכל...
אַלע וועלטן — אַף דיר וואַרטן."

אַזוי דערציילט האָט מיר דער זיידע,
זיידן דאַרף מען שטענדיק גלויבן,
ניט אין שטיין-באַרג ליגט די גבורה,
און ניט דוד זאָל אים הויבן.

נאָר אַף זיין פערד — דעם ווייסן פליט ער,
און צו אַלע פעלקער ציט ער.
גרייט זיך, קינדער, באַלד וועט קומען
אונזער דוד! אונזער ריטער...

# א שטעטל

## באלאדע

ווייט פאַרוואָרפן ליגט אַ שטעטל
ווייט צווישן דערנער, בלומען.
איז אין יענעם ווייטן שטעטל
עפּעס מאָדנע פאַרגעקומען.

אַט אַזוי דערציילט אונז זיידע
זיינע „וואונדער" איבער וואונדער!
און מיר קינדער-מיילכלעך אָפן,
שלינגען יעדעס וואָרט באַזונדער.

— און דער זיידע ווישט די ברילן,
און דער זיידע קנייטשט דעם שטערן;
„אי אַ מעשה!" — מאַכט דער זיידע —
איר מעגט, קינדערלעך, דאָס הערן:

העט-דאָרט הינטער הרי-חושך
וואוינען מאָדנע בלינדע מענטשן;
ווייל ווען גאָט האָט וועלט באַשאַפן
האָט ער זיי פאַרגעסן בענטשן.

גייען יענע ניט געבענטשטע
ווי געבונדענע געבויגן.
אין אַ מין מאָדנעם שלאָפן
מיט אָפענע פאַרגלאָצטע אויגן.

האָבן זייערע אויגן זונען שטראַלן
דאָרט נאָך קיינמאָל ניט געזען.
און אַ מענטש אַ גלייכער, שטאָלצער
איז נאָך קיינמאָל דאָרט געווען.

ווען זיי זאָל ניט עמיץ וועקן,
אייביק וואָלטן זיי געשלאָפן,
זייערע אויגן שטענדיק אָפן,
צו זיי וואַכן צו זיי שלאָפן.

איז געשען אַ גרויסער וואונדער:
ווען די פינצטערקייט פלעגט שרעקן
יענעם מאָרגן — אינ׳ם שטעטל,
פלעגט אַ רייטער זיך אַנטפלעקן.

מיט אַ פאָן און מיט אַ פאַקל
און מיט פייערדיקע אויגן
איז ער אויף אַ פערד אַ פלינקען
דורך די גאַסן אומגעפלויגן.

וואו אַ טיר און וואו אַ פענצטער
זיך מיט פאַקל־ליכט געטראָגן,
יענע מענטשן וועקן רופן
זינגען פון אַ זונען־מאָרגן.

זיי דערציילן שיינע מעשות,
מעשות פון אַ וואונדער וועלט,
וועלטן נייע, וועלט־גן־עדן׳ס
ווי מיט כשוף פאַרגעשטעלט.

ביסלעכווייז, דאַן פליגן נעמען
די פאַרשלאָפענע זיך רירן,
דורך די לאָדן־שפּאַלטן קוקן,
און זיך שטעלן אין די טירן.

בלינדע אינ׳ם פרישן מאָרגן
קענען שפּירן כּשוף־טאָגן.
פליגן זיי ראשן דורך די גאַסן,
יענעם רייטער צו דעריאָגן.

נאָר ער פליגט אין וואַלד פאַרשווינדן,
און זיין זינגען ווייט זיך הערן,
ביסלעכווייז אַלץ מער אַנשווייגן,
ווייטער שטילער, שטילער ווערן.

פלעגן בלינדע בלאָנקען מידע,
— צוריק אין שטעטל זיך אומקערן.
און מיט אויגן אָפּענע
ווידער דאָרט אַנשלאָפּן ווערן.

איינמאָל אין אַ נאַכט אַ לאַנגע
איז דער רייטער ניט געקומען,
ווי פון וואונדער האָבן זיי זיך
מורמלען, רירן גאָר גענומען.

און צעעפנט טיר און לאָדן,
רייבנדיק די גרויע אויגן,
זיך דערזען אין ליכט פון מאָרגן
געשמידט און איינגעבויגן.

האָבן זיי זיך אויסגעגליכן,
ווילד פון גליק אַרויסגעלאָפן,
יובלדיק געטאַנצט, געזונגען —
אָפּענע אויגן טאָרן ניט שלאָפן!

האָט אַ ליכט-שטראַל זיך באַוויזן,
שמייכלענדיק געבליצט אַנטקעגן,
זיינען זיי מיט פרייד געלאָפן,
כאַפּן שטראַלן אַף די וועגן.

האָט עס זיך צעשטראַלט אַלץ מערער,
שפּיגלענדיק געבלענדט די אויגן,
זיי געוואַרימט און געלויכטן,
ווי מיט כּשוף ווייט געצויגן.

זיינען זיי אַרוים פון שטעטל
זוכן אַף די זונען־וועגן,
ווייט און ווייטער — ווי אין צויבער,
זיינען אוצרות פיל געלעגן.

פון די אוצרות: האָט געלויכטן
כּשופ׳דיק פון לאַנד צו לאַנד,
יענער פּאַקל וואָס געהאַלטן
האָט דער רייטער אין זיין האַנט.

און די פאָן מיט רויט אַף ווייס
האָט געפלאַטערט אין פאָרויס...
געשפּיגלט האָט אַף דעם זיך ווערטער
פייער־רויטע יעדער אות.

יעדער אות איז בלוט געווען,
יעדער וואָרט אַ לעצט געשריי,
און די בלוטיק־לעצטע ווערטער
לייענען זיך אָט אַזוי:

„זוניק זיינען מיינע וועגן,
שאָטנדיקע, אייערע שטעגן.

ווערט איר מענטשן מיד אַנטשלאָפן
קומען שאָטנס באַלד צולויפן.

קום איך, זינג איך, וועק אייך, רוף —
גייען זונען-שטראַלן אויף.

ווערן אייערע אויגן קלאָר,
פאַנגט איר אָן צו זען וואָר.

רייט איך נאָר אַוועק צום וואַלד,
ווערט איר דאָך אַנשלאָפן באַלד..

רוף איך איבער באַרג און טאָל
וועק איך אייך צום לעצטן מאָל!

עס קומט אַ טאָג, אַ לאַנגער טאָג,
ליכט וועט ווערן אייער קלאָג.

שפריצן וועלן פייער פיילן,
גרייכן, טרעפן טויזנט מיילן.

וועט איר איצט אַהיים זיך קערן,
ווי סדום וועט אייער שטעטל ווערן.

פייער, פייער פון אַלע עקן
וועלן אייך אין שלאָף פאַרמעקן.

אייך קען אייביק פינצטער ווערן...
אייך קען אייביק ליכטיק ווערן"...

אויפגעשטאַנען איז דער זיידע,
איז צום פענצטער צוגעגאַנגען,
ווישנדיק פֿון שויב די בעלמע
שטיל געמורמלט; ווייט פאַרגאַנגען...

ערגעץ, ערגעץ ליגט דאָס שטעטל,
איר וואָלט, קינדער, זיכער שטוינען,
הערן יענעם גוטן רייטער
אַף זייער גורל איצטער וויינען.

שטילער שעפּטשען זיידנס ליפּן,
אין זיידנס אויגן טרערן קומען,
צאַרטע קינדער אַף די וועגן...
אַף די וועגן דערנער, בלומען...

קינדערלעך, ווערט ניט פאַרטרויערט,
רייטער וועט נאָך ווידער קומען!
צייט — וועט אויסראָטן די דערנער,
צייט — וועט אויפבליען די בלומען.

וועט אַ זון אַף שטענדיק שיינען
און וועט לייכטן ניט אויפהערן,
וועלן מענטשן תמיד וואַכן,
מערער ניט אַנשלאָפן ווערן.

---

# אינהאלט

## I

## אין שטילן אומרו

ערגעץ רוט א ברעג — 9
נאכט געוועב — 10
שטילער אומרו — 11
באגינען — 12
ערשטער שניי — 13
מעלאנכאליע — 14
היינגען שלעסער — 15
אין וועג — 16

## II

## הינטער גראטעס

הינטער גראטעס — 19
פון דער פינצטער — 20
ווייס דו מענטש — 21
ברויט — 23
קעמף — 27

## III

## מיראזשן

לעגענדע — 31
א שליסל — 32
געסט — 33
מיראזשן — 38
פון אונזער טיר — 44
דאכט זיך — 45
נר תמיד — 46
אין אונזערע לאדנס — 47
גארניט — חלומ'ט — 48

צו שנעל זיך שבת־רו געמאַכט — 49
ווינט גאָט'ס שווייגן — 50
צום הימל — 51
געפאַנגען — 52
צויבער וועגן — 53
עמיץ — 54
ממעמקים — 55

## IV

## קאַראַהאַד

ריי נאָך ריי — 59
קאַראַהאַד — 60
קום — 85
כאַ־כאַ־לאַנד — 61
איך וועל חלום'ען — 62
זאָל שפּילנדיק דיין חלום שפּילן — 63
צינד אָן די ליכט... — 64
פאַרנאַר דיין פּיין — 65
משפט — 66
טו אָן דיין שענסטע ווייסע קלייד — 67
זיי דער שיכור, זיי דער שיינקער — 68
גאָרניט האָט געטראָפן — 69
אין דוויער — 70

## V

## שאַטנס

טריט — 73
אַ הויז — 74
ברענט אַ פייער — 75
איך בין — 75
באַנייאונג — 77

רירט זיך, רעדער — 78
גיט אין טיפקייט — 79
ווער וועט גלויבן — 80
נאכט — 81

## VI

## שוים

בלומען — 86
אין נעץ — 87
א וואָלקן — 88
זיי א גוטע — 89
נאָגט מיין הארץ — 90
האַלב נאָך צוועלף — 91
מאָרגן וועל איך בייַנקען — 92
דערינערונג — 93
אין גלי — 94
איך ביינק — 95
זכרונות — 96
א בריוו — 97
א מאמע — 101

## VII

## זאנגען אין די מילן

קינדער שפּינען אונזער לעבן — 105
זאנגען אין די מילן — 106
גליטשן מיר — 107
אין שולע — 109
שטראַלן קינדער פון די בלאָטעס — 110
טראַ-לי-לאַ-לאַם — 111
דוד — 113
א שטעטל — 119